העפטל 12 3 פענס.

# ירושלים

א. נ. שטענצעל

לאָנדאָן־ווייטשעפל, יוני 1941

---

## ירושלים עיר הקודש

ירושלים, דו הייליקסטע פון די שטעדט,
וועלכע בייזעסטע מאַכט קאָן דיך דען צעשטערן ?
אַז ליכטיק צעפינקלט אויף אייביק דו ביזט דאָך,
אין יעדן לייטערן פון מענשליכע טרערן.

יעטוועדער שוין פינסטער פאַרלאָשענער בליק,
צו דיין הימלישער טיפעניש אויפגעהויבן,
אַ קלאָרע ליכטיקייט גייט אויף אין אים,
אַ צעקוואַלטער ווידער מיט פרישן גלויבן.

קאָן מען דען חרוב מאַכן אַזאַ שטאָדט,
וואָס איר שיינקייט זיינען אירע רואינעס ?
דאָס וווּנדערליכסטע ליד פון אירע לידער,
דער נביא ירמיהו מיט זיינע קינות ?

יעדע פאַרוויסטעניש אויפ׳ן באַרג מוריה —
נאָך העכער מיט זיין שפּיץ צו קענען דערגרייכן !
און אין דער חורבה פון יהודא החסיד —
נאָך פאַרטיפטער צו די העכסטע הייכן — —

אַז אין יעדן מענשליכן אָפּענעם האַרצן
אויף אַלע אייביקייטן דו ביזט איינגעשלאָסן,
וואָס איז פליער דען, וואָס איז טאַנק איצט
און צומאָל צילענדיקע הוביצער שאָסן ?

אין דיינע האַרטע פעלזן ס׳האָט דער אָדלער שוין
זיינע מעכטיקע פליגל איינגעבראָכן,
און דיך דערזעענדיק דער גרימיקער לייב
אין אַ נאָענטסטן לאָך פאַר פחד זיך פאַרקראָכן.

און יעדער מיאוס׳ער אכזר קומענדיק צו דיר,
אין מענטשליכן בלוט שוין ביז צו זיינע לענדן!
ווערט זיין האַרץ דעמלט אַ פילס מיט גנאָד,
צעבלעטערט מיט דיינע הייליקע לעגענדן.

אלכסנדר דער גרויסער, דעמלט, פון מוקדון,
און פון אַוויניאָן דער געוואַלטיקער ריטער
קומענדיק צו דיר זיינען זייערע הערצער,
געוואָרן אייפגעטרייסלט פון הימלישן ציטער —

— — — — — — — —

— — — — — — — —

ירושלים, ווי חן אויף מענטשליך פנים
ליגט אויסגעגאָסן אויף דיר אַזאַ מין צויבער!
וויפיל הייליקע זיינען פון דיר געגאַנגען,
אַהערקומענדיק צו דיר ווי ווילדע רויבער — —

אַן אָפבילד, אַ „צלם" פון דיר מיטגענומען,
גליקליך צו מאַכן מיט דעם זייערע לענדער,
מיט אַ קלאַנג נאָר פון דיר, מיט אַן איינציק וואָרט בלויז,
מיט אַ פאָדעם פון דיינע קאָליר־געוועדנער.

פאַר אַן איקאָנע, פאַר אַ שיין פון דיין אָפשיין,
געקניט צו דיר אינ׳ם שטאָק־פינסטערסטן ווינקל,
און אין אונזערע, די ביטערסטע חשכותן
אויפגעלויכטן אין דיין הימלישן געפינקל.

ירושלים, דו הייליקסטע פון די שטעט,
וועלכע פינסטערע מאַכט קאָן דיך דען צעשטערן?
אַז אין דער גאַנצער וועלט דו ביזט אויפגעגאַנגען,
מיט ליכטיק אויפגייענדיקן מאָרגן־שטערן.



# א יהודה הלוי פראגמענט

(צום 800־יאָריקן יובילעאום)

„ועל דמם אשר שפך כמו מימי אוריה". („אלי ציון")

דאָס שטראַלן־פאַרזילבערטע זוניקע אַנדאַלוזיען,
פון דעם איינציקן וואָרט שוין דער קלאַנג,
ס׳איז פון הימלישע וועלטן דער כאָר געווען,
מלאכיש פליגל־געציטער באַגלייט פון געזאַנג.

אַנדאַלוזיען, מיט דיין זינגענדיקייט, דיין שיינענדיקער,
מיט שטראַלן האָסטו געצויגן מיין האַרץ צו דיר!
נישט נאָר די שיינקייט פון דיינע פעלזיקע פלוינען,
פון דעם איין־איינציקן וואָרט ס׳איז אויסגעגאַנגען שיר.

אַנדאַלוזיען, ווי גלעקלאַך באַהאַנגענע סטאַדעס שאָף,
וואָס לאָזן זיך אַראָפּ פון דיינע בערג צום טאָל,
אַזוי־אַ האָט דאָס וואָרט געקלונגען אין מיין אויער,
אַנדאַלוזיען, אַזוי ביזטו געווען מיר אַמאָל.

אַלע מיינע ווערטער, אַלע מיינע געדאַנקען,
אַ שייד זיי זיינען געווען צום קלאַנג פון דיין וואָרט,
אַזוי האָב איך געמיינט, אַזוי־אַ געגלויבט — — —
אַנדאַלוזיען, פון אַלע ערטער דאָס הערליכסטע אָרט.

אַזוי האָב איך געגלויבט, אַזוי־אַ געמיינט,
און צו דיין יעדן באַרג ס׳האָט זיך געהויבן מיין געמיט!
מיט ליכט־געציטער פון דיינע צעשאָטנטע טאָלן,
ס׳איז געווען פאַרטיפטער דער קלאַנג פון מיין ליד.

אַלע צילן, אַלע געפילן, דעמלט, אַמאָל,
געפלאַטער ווי אַ פאָן אויפ׳ן שפיץ פון אַ שווערד!
געלויכטן איבער אַ לויף, אַ ווילדן־צעהירזשעטן —
אַ גזשיבע אַ צעפלאַשעטע פון אַן אַראַבישן פערד.

איך האָב געמיינט העם שליף פון דיין שאַרפן קלונג,
אין מיין האַרץ צו האַלטן ווי אין אַ זילבערנער שייד,
שענסטע אַראַבעסקען איינגראַווירן דערויף
אַלץ וואָס געדאַנק אין מיר און אַלץ וואָס איז רייד —

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

פון פארגאסן בלוט אבער, אומשולדיקן, אונזערן,
שטייען דיינע בערג אצינד אזוי גליאיק אין דער זון,
און דאס װארט, דאס שטראלנדיקע — אנדאלוזיען! —
איך װייס נישט מער, פארשטיי נישט מער דעם באדייט דערפון.

אלע דיינע שפּעלעך ליגן אויסגעקוילעטע,
זייער כארכל־געבעט — פארלאשענער זון־פארגאנג!
און פונ׳ם װארט, פונ׳ם װוּנדערליכן צעקלונגענעם,
אויסגערונען ס׳איז זיין זיסער, זוניקער קלאנג.

ס׳איז פארלאשן װי מיין גלויבן צו דיר, װי מיין פרייד,
ס׳ציטערט אויף מיינע ליפּן פינסטער און בלינד,
א שטיף־קינד, אן אפּגענארטס פון א פאלשער מוטער,
אזוי איז מיין הארץ אין מיר צעריסן אצינד.

אבער אז א קינד — מוז דאך זיין א מוטער ערגעץ־װוּ!
און װען זי איז טויט — מוז דאך א קבר ערגעץ זיין!
א, איך װעל פלאפּלען איר נאמען מיט לאכן און װיינען,
אראפּליינענדיק אים פון שטומער מצבה־שטיין.

איך װעל אים קושן, מיט מיינע ארעמס ארומהאלדזן,
מיינע ליפּן, צעשעפּטשעטע, אויפציטערן מיט איר קלאנג;
מיט יעדן אות פון איר נאמען, מיט איר זיסקייט,
ביז מיין הארץ װעט אויסגיין, אים ציען אזוי לאנג —
— — — — — — — — — — — —

ירושלים — — אז א שטיף־מאמע, א פאלשע,
מ׳קאן ליבן אזוי װי כ׳האב אנדאלוזיען געליבט,
ירושלים, מיין הייליקע דו, דו מיין עכטע,
פארלאזן אזוי און אייביק אזוי באטריבט.

בין איך נאך װערט אויף ליפּן דיין נאמען צו נעמען,
פון אים צו טראכטן נאר בלויז, פארשװיגן, באטריבט און שטום?
ירושלים, אין מיין בלוט צעפּלעטשערט, הייליק־ליכטיק,
אויסצוגיסן דיר צופוסנס אין מיין לעצטן פארקום —
— — — — — — — — — — — —

שטאמעלט א קינד נישט װערטער אומפארשטענדליכע,
און „מאמע מאמע" װען ס׳זעט װאס ס׳איז פאר א פרוי?
אבער תמיד מיינט עס דאך יענע, נאר יענע,
װאס אין אירע װייען ס׳איז געבוירן זיין ערשטער „אוי".



ירושלים, ביזט דאס װיגן־ליד פון מיין הארץ געװען,
װעסט זיין די װידוי־װערטער אין מיין לעצטער מינוט!
א, װי האב איך דיך געקענט פארגעסן, דיך פארטוישן,
אז דיין װיסטעניש — דער קװאל־געפּלעטשער אין מיין בלוט.

װער בין איך דען, און װאס מיין צעקלונגען װארט אין ליד?
א גלעקל־באהענגט פון דיינע סטאדעס א שאף!
איך טראג נאך אין מיין װאל דאס בלאנקע מעסער נאך,
װי יענער ערשטער שעפּס אויפ׳ן װעג צום מוריה ארויף.

ירושלים, דיך כארכעלדיק־שטאמעלדיק, דיך פלאפּלדיק,
איז גאנצע װעלט מאמעדיקע טוליעדיקע שויס — —
צעליטענע־ליבליכקייט, ליידענדיקע צערטליכקייט,
שטראלט דיין הייליקער נאמען ליכטיקייטן אויס —

װי געװאלטיק, װי גרויס ס׳איז דיין בראך, דיין טרויער,
אזוי געװאלטיק, אזוי גרויס די פרייד װאס פון דיר!
איז נישט יעדער צעקלינגטער קלויסטער אויף בערגל און טאל
א גלעקל־באהענגט שעפּעלע פארבלאנזשעט פון דיין טיר?

דורך אלע טיפענישן און פינסטערנישן אין מיר
װאנדלדיק אזוי צו דיר, װעלט איין און װעלט אויס — —
ירושלים, דיך כארכלדיק־שטאמלדיק, דיך פלאפּלדיק,
איך װער הייליק, װער ליכטיק, א צעקלונגען דיינס אן אות.

אזוי ברייט, אזוי װייט, װי פון שטאפּל צו שטאפּל,
װי אויף יענעם חלום־לייטער אין טרוים געזען!
אזוי ציען זיך דיינע אותיות, ירושלים — — —
אזוי אייביק װייטער צו זיין װי אייביק ביזט געװען.

װי שטראלנדיק, װי זוניק פון העכסטע בערג אראפּ,
װי טוליענדיק־שאטענדיק פון יעדן טאל ארויף,
זילבעריק־צעשפּיגלט מיט ציטער פון יעדן טייכל,
און צום הימל צעשטרעקט מיט תפילה׳דיקן אין־סוף.

יא, פון הימלישע װעלטן דער כאר אומעטום,
מלאכיש פליגל־געציטער באגלייט פון געזאנג,
און געקלאנג אזוי פון אלע װערטער אין איינציקן װארט,
ס׳איז דער עכא נאר פון יענעם ערשטן מוריה־גאנג.

## ס׳איז די גאנצע ערד שוין יענער מוריה-שטיין

ס׳איז די גאַנצע ערד שוין יענער מוריה־שטיין,
מיר אַלע ליגן אויף אים געבונדענע צום שעכטן!
ווען שוין וועט זיך באַווייזן, צום פּאַרטוישן, דער שעפּס,
מיט זיינע הערנער אין געצווייג זיך צו פאַרפלעכטן.

ס׳איז די גאַנצע ערד שוין יענער מוריה־שטיין,
מיט אונזער בלוט זיינע ווינקלען צו באַשפּריצן!
וואו איז יענע שטימע וואָס רופט, וואָס ראַטעוועט,
איידער דער חלף וועט איבער האַלז זיך צובליצן.

ס׳איז די גאַנצע ערד שוין יענער מוריה־שטיין,
פון דער שייד איז די קלינג שוין אַרויסגעצויגן!
איז עס אפשר גאָר אַ ליגן, אַן אויסגעטראַכטער,
אַז אַ גוטער מלאך איז געקומען געפלויגן?

ס׳איז די גאַנצע ערד שוין יענער מוריה־שטיין,
אונזערע קעפּ אויסגעשטרעקט צו הימל און צו מעסער!
אין אונזער שרעק, אין אונזער מורא׳דיקן וואַרטן,
מיר ווייסן שוין נישט, וואָס געווען ס׳וואָלט שוין בעסער.

## „לישועתך קויתי — — —"

נישט די זיילן פון דער וועלט אונטערברעכן —
פאַלן אונטער אירע לאַסטן, און זי דערטראָגן!
דאָס פאַרבלוטיקטע האַרץ אונטער אַ שטיין,
מיט מורמלדיקן, מיט כאַרכלדיקן נישט־דערזאָגן.

אין אייגענעם וויטאָק בלוטיק זיך פאַרבייסן,
נישט אומצוקומען אין נקמה און אין טרויער!
לעבעדיקע קוואַלן — אונזערע יסורים,
וואָס רייסן זיך פון אונטער שטיינער אַ פייער — — —

טייכן וואָס ריגלען און זאַמלען זיך אין ימען,
אַזוי אונזער פאַרגאָסן בלוט, אונזערע טרערן,
די גאַנצע וועלט שוין אַרומצונעמען
מיט דעם געמורמל קיינמאָל נישט אויפצוהערן —

ס׳דרייט זיך דער ערד־קיילעך, דער גלגל־העולם
נישט אַ שלייף־שטיין מעסערס אין אים צו שאַרפן —
אַ יאָגנדיק מיל־ראָד אין שוימענדיקע כוואַליעס
דאָס ברויט צו מאָלן פאַר אַלע וואָס באַדאַרפן!



## פאר דער כותל מערבי

(פאַר די חלוצים איצט)

עפענט זיך אויף מיין האַרץ, אַ הייל אין פינסטערער נאַכט,
ירושלים, דיין הערליכקייט צו באַקוקן,
און פאַר יעדן פון דיינע הייליקע געשטאַלטן,
מיך צו פאַרנייגן אַצינד, און טיף מיך צו בוקן.

כ׳בין קיינמאָל נישט געווען אין דיר, נישט געזען דיך,
אָבער אויפ׳ן כותל געלעגן מיט מיין שטערן,
אַ גליאיק הייסן ווי דיין זון, ירושלים,
יעדן שטיין באַגאָסן מיט׳ן זיד פון מיינע טרערן —

איינס בין איך געווען מיט זיי, ווען מאַמע האָט געליינט
פון חנהן מיט אירע קינדער, מיט אירע זיבן — — —
ווי זי וועט זיך פון דיין מויער אַרונטערוואַרפן,
דאָס נאָר צו זען נאָך, בין איך איבערגעבליבן?

— — — — — — — — — — — —

בלינד ציטערן הענט, טאַפּנדיק ביי קאַלטן געשטיין,
הערצער אויפגעשוידהערטע אין טויזנט שרעקן!
איינגעפאַלענע — — אַרונטערגעוואָרפענע — — —
די גאַנצע ערד מיט זייער בלוט צו באַפלעקן —

יאָ, אַלע מענטשן צו באַפרייען, צו דערלייזן
מיט זייערע טרערן מיט זייערע געבעטן — — —

— — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

עפענט זיך אויף מיין האַרץ, אַ הייל אין פינסטערער נאַכט,
זיינע פינסטערנישן אַלץ טיפער צו באַטרעטן —

אַן אוצר, אַ טייערער, אַ גאָר זעלטענער,
פאַר פרעמדע בליקן אונטער אַ שטיין באַהאַלטן,
אַזוי דו, אונטערן כותל, ירושלים,
מיט דיין הערליכקייט, מיט דיינע טויזנט געשטאַלטן.

# דער לייב פון יהודה

ניטש אַ געפאַנגענער אין אַ שטייג איז אַ לייב —
געדיכטע דזשונגל זיינען די אייזן־שטאַנגען!
אין זיינע דלת־אמות דאָס שווערע שפּאַנען —
אַלץ טיפערע צווישן די שטאַמען געגאַנגען!

נאָנטער צום ציל, האַרטער ביים שליאַך, ביים בלוטיקן,
שוין הערשמעקט ער היימישע שאַרפע גערוכן — —
דאָס אויפפלאַקערן אין זיינע לייבן־אויגן —
זיינע זיגענדיקע האַלט ער אין איין זוכן.

און ווען ער צעברילט זיך מאַיעסטעטיש און ווילד,
אַזש פון די גראַטעס הער זשאַווער נעמט זיך שיטן!
גייט עס איבער זיין לייב ווי גרויליקער דונער —
בליצן וואַלטן דעם דזשונגל אַדורכגעשניטן!

מעכטיק רינצלט דער רוקן, די שלאַנקע ליטקעס,
ווי ס'קנאַקן זיינע אויפגעטרייסלטע ביינער — —
ניטש זיין אונטערשטע לעפץ — אַ פאַנג פאַר זיינע קליינע,
צווישן דעם ווילדן געבלישטש פון זיינע ציינער!

און לי לייבלעך, אין דער היים איבערגעבליבן,
פון זייערע אייגענע לאַפּעס זיי זייגן,
און זיין צוריקקומען זיי האַרכן כסדר,
אין יעדען געקנאַק פון די טרוקענע צווייגן —

— — — — — — — — — — — —

ניטש אַ געפאַנגענער אין אַ שטייג איז אַ לייב,
און יונגע לייבן — פון הונגער שטאַרבט נישט קיינער!
גראַטשעס בייסען זיי זיך אַרויס פון די לאַפּעס,
מיט זייערע אייגענע לייבען־מילך־ציינער.

געדרוקט ביי י. נרודיצקי, 131־129 קאָוועל סטריט, לאָנדאָן, איסט.